בס"ד

# פון פלאָצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

**אויף אידיש**

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת משפטים תשפ"ה

גליון קל"ב שנה ד'

## דער עבד עברי באהאלט זיין ווילן צו די שפחה כנענית אונטערן שלייער פון "אהבתי את אדוני"

**ואם אמר יאמר העבד אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני... והגישו אדוניו אל האלהים... ועבדו לעולם.** (כא, ה-ו)

פארוואס שטייט א כפל לשון **"אמר יאמר" העבד?**

נאר די תורה וויל דא זאגן, אז ווען דער עבד עברי זאגט **"אהבתי את אדוני"** איז דאס נישט די אמת'ע סיבה פארוואס ער וויל נישט ארויסגיין, ווייל ווער האלט אים דען אפ פון צו קומען צום אדון און אים באדינען אן צו זיין זיין עבד?... אלא מאי איז דאס נאר אן אויסרייד, ווייל ער שעמט זיך צו זאגן **"אהבתי את אשתי ואת בני"** אז ער וויל בלייבן מיט די שפחה כנענית וואס נאכן ווערן באפרייט איז זי דאך אסור פאר אים, וועגן דעם זאגט ער נאר **"אהבתי את אדוני"**, אבער באמת ליגט אונטער דעם **"אהבתי את אשתי ואת בני"**...

וועגן דעם שטייט **ואם** "**אמור יאמר" העבד**, צו לאזן הערן אז ער זאגט נאר **"אהבתי את אדוני"** אבער פון דעם קומט עכט ארויס אן אמירה **"את אשתי ואת בני"**, און דאס איז זיין עיקר כוונה, נאר ווייל ער שעמט זיך, זאגט ער: "אהבתי את אדוני... און וועגן דעם טאקע שטייט **"את אשתי"** אן קיין ו' החיבור, צו ווייזן אז דאס איז א **באזונדערע** אמירה, און דאס האט נישט קיין שייכות מיט **"אהבתי את אדוני"** וואס ער האט נאר געזאגט פאר א תירוץ.

און וועגן דעם שטייט אויך **ואת** "**בני" - מיינע** קינדער, הגם אז אויבן אין פסוק שטייט **האשה "וילדיה"** אז דאס זענען **אירע** קינדער ווייל זיי זענען דאך מיוחס צו זייער מאמע די שפחה כנענית? נאר וויבאלד ער וויל דאך בלייבן מיט די שפחה און זיך מדבק זיין אין שלעכטס איז ער אויך מייחס אירע קינדער - די כנענים - צו אים. דערפאר זאגט דער פסוק, אז ווען דער עבד זאגט "אהבתי את אדוני" איז זיין גאנצע כוונה נאר ווייל ער וויל בלייבן מיט די שפחה כנענית און אירע קינדער זאלן זיין **זיינע** קינדער.

זאגט אבער די תורה **"והגישו אדוניו אל האלקים"**, מען זאל אים ברענגען **"אל האלקים"** צום אויבערשטן וואס איז **יודע תעלומות לב** און אים קען מען נישט אפנארן, אזוי וועט נתגלה ווערן אז זיין גאנצע כוונה דא איז נאר צו בלייבן מיט'ן שפחה כנענית און אירע קינדער ר"ל, און **"אהבתי את אדוני"** איז נאר א תירוץ. און זיין עונש וועט זיין אז צום סוף וועט טאקע דער אויבערשטער צופירן: **"ועבדו** לעולם" אז ער וועט בלייבן **זיין קנעכט**, ווייל וואס האט ער געזאגט, אז ער וויל **דעם בעה"ב**, וועט ער טאקע בלייבן **זיין קנעכט** אבער די שפחה כנענית און אירע קינדער וועלן אים נישט בלייבן...

און וועגן דעם בויערט מען דייקא **זיין אויער**, ווייל א בשר ודם הערט נאר מיט'ן אויער, משא"כ כלפי מעלה מיינט שמיעה אויך "בינת הלב" אז השי"ת הערט און פארשטייט וואס מען טראכט. איז וויבאלד דער עבד האט געוואלט גונב דעת זיין כאילו ער וויל נאר בלייבן ביים בעה"ב, האט ער פוגע געווען כביכול אינעם "אוזן של מעלה" כאילו דער אויבערשטער פארשטייט נישט וואס ער טראכט אין הארץ. איז לעולם וואלט מען אים ווען געדארפט בויערן זיין הארץ, מידה כנגד מידה אויף דעם וואס ער האט געמיינט אז ער קען באארבעטן דעם אוזן של מעלה וואס איז יודע תעלומות לב, אבער דאס קען מען דאך נישט, ממילא בויערט מען אים **זיין אויער** אלס עונש

## אויב דער עושר וועט דרוקן דעם ארעמאן וועט זיין עשירות זיך רעכענען ווי א חנינה וואס קומט זיך אים נישט

**אם כסף תלוה את עמי את העני עמך לא תהיה לו כנושה לא תשימון עליו נשך... והיה כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני.** (כב, כד-כו)

פארוואס זאגט דער פסוק **"ושמעתי כי חנון אני"**, וואס איז מיר א נפקא מינה פארוואס דער אויבערשטער וועט הערן דעם ארעמאנ'ס געשריי, דער עיקר איז אז ער וועט זיך אננעמען פאר אים?

נאר צומאל איז דא אן עושר וואס קומט זיך אים עשירות פאר זיינע מעשים טובים, אזוי אויך איז דא אן ארעמאן וואס קומט זיך אים עניות פאר זיינע נישט גוטע מעשים. און אין אזא פאל, איז אויב דער עושר וועט זיך נישט מרחם זיין אויפן ארעמאן איז זיין עונש נאכנישט אזוי הארב, ווייל סוף כל סוף איז ער דאך ווערד דאס עשירות מצד זיינע זכותים.

אבער צומאל איז אן עושר באמת נישט ווערד זיין עשירות, אזוי אויך פאר'ן ארעמאן קומט זיך נישט קיין עניות, נאר דער אויבערשטער גיבט פאר'ן עושר זיין שכר בעולם הזה, און פאר'ן ארעמאן לאזט ער זיין שכר לעולם הבא, אדער וועגן א צווייטע סיבה וואס נאר דער אויבערשטער ווייסט. און אויב אזוי, קומט זיך דאך באמת דאס עשירות פאר'ן ארעמאן, נאר דער עושר האט עס באקומען וועגן א געוויסע סיבה. איז אין אזא פאל, אויב דער עושר וועט נישט העלפן דעם ארעמאן איז זיין עונש גאר הארב, ווייל באמת געהערט דאך זיין גאנצע פארמעגן פאר'ן ארעמאן.

קומט דער פסוק זאגן: **"אם כסף תלוה את עמי"** אויב דו האסט צו פארבארגן פאר'ן ארעמאן, דארפסטו טראכטן **"את העני עמך"** אז דאס עשירות קומט זיך דיר נישט פאר דיינע מעשים טובים, נאר **דאס געלט פונעם ארעמאן** ליגט ביי דיר, ווי די גמרא זאגט, אז אפילו די גאנצע וועלט וועט זאגן אז דו ביזט א צדיק זאלסטו דיך האלטן אין דיינע אויגן ווי א רשע, נישט דו זאלסט דיך איינרעדן אז דו ביזט ווערד דיין עשירות, און אויב אזוי: **"לא תהיה לו כנושה לא תשימון עליו נשך"** זאלסטו אים נישט דרוקן און נישט נעמען פון אים קיין ריבית, ווייל סך הכל ליגט **זיין געלט** ביי דיר.

לייגט צו דער פסוק: אויב דו וועסט יא דרוקן דעם ארעמאן, **"והיה כי יצעק אלי"** איז ווען דער ארעמאן וועט שרייען צו מיר, זאלסטו נישט מיינען אז דו ביזט ווערד דיין עשירות וועגן דיינע מעשים טובים, נאר דו זאלסט טראכטן **"ושמעתי"** אז איך וועל הערן זיין געשריי **"כי חנון אני"** כאילו דיין עשירות איז נאר בתורת "חנינה" וואס דו ביזט נישט ווערד, אזויווי א מענטש דארף זיך דאך אנקוקן אז ער איז באמת נישט ראוי נאר דער אויבערשטער גיבט אים עשירות כדי צו העלפן דעם ארעמאן, און אויב אזוי דארף ער חושש זיין אז זיין עונש וועט זיין גאר הארב, ווייל עס וועט נחשב ווערן ווי ער האט געפייניגט דעם ארעמאן מיט'ן "ארעמאנ'ס" געלט.

## פייניגן א גר איז גאר א הארבע זאך ווייל דאס האט אויך א שכל'דיגע סברא

**וגר לא תלחץ ואתם ידעתם את נפש הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים.** (כג, ט)

לכאורה וואלט געדארפט שטיין **"כי" אתם ידעתם את נפש הגר**, ווייל דאס איז דאך דער טעם פארוואס מען טאר נישט פייניגן א גר, ווייל מיר ווייסן דאך וויאזוי א גר שפירט זיך?

נאר די תורה וויל אונז דא אויסלערנען אז אלע מצוות - אפילו די וואס האבן א פארשטענדליכער טעם - דארף מען מקיים זיין נאר ווייל דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן. נאר דער חילוק

צווישן א מצוה וואס האט א טעם און וואס נישט איז, אז אויב דער שכל פארשטייט דאס איז די עונש אויף דעם דאפלט, ווייל חוץ דעם וואס **דער אויבערשטער** האט געהייסן די מצוה, וואלט דאך **ער אליינס** געדארפט פארשטיין צו טון די מצוה.

דאס קומט די תורה דא זאגן: "**וגר לא תלחץ**" זאלסט נישט פייניגן א גר, און דאס זאלסטו טון **אן קיין שום טעם** נאר ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן. אבער צו דעם נעם אין חשבון אז עס האט אויך א שכל'דיגע סיבה, ווייל "**ואתם ידעתם את נפש הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים**", איז אויב אזוי דארפסטו ספעציעל אכטונג געבן, ווייל אויב דאס האט אויך א סיבה שכלית איז דער עונש אויף דעם דאפלט, ממילא גיב דיר שטארק אכטונג נישט צו דרוקן א גר.

## אויב מען טוט רצון הבורא דארף מען נישט מגולגל ווערן ממילא וועלן נישט זיין קיין נפלים און עקרות

**לא תהיה משכלה ועקרה בארצך את מספר ימיך אמלא. (כג, כו)**

לכאורה, וואס האט די רישא אז עס וועלן נישט זיין קיין "נפלים" און "עקרות" מיט'ן סיפא אז דו וועסט אויסלעבן דיינע יארן?

נאר עס ווערט געברענגט (אלשיך קהלת ו, ג-ו) אז די נפלים זענען גלגולים וואס דארפן אראפקומען נאכאמאל עפעס מתקן זיין. אזוי אויך ווערט געברענגט (ספר הגלגולים פ"י) אז צומאל ווערט א נשמה פון א זכר מגולגל אין א נקבה, און דערפאר איז זי אן "עקרה" ווייל זי האט א נשמת זכר.

דאס קומט די תורה זאגן: אויב די אידן וועלן טון רצון ה', וועלן נישט זיין קיין גלגולים וואס וועלן נאכאמאל דארפן קומען עפעס מתקן זיין, ממילא "**לא תהיה משכלה ועקרה**" וועלן נישט זיין קיין **נפלים** און קיין **עקרות** אין כלל ישראל, נאר "**את מספר ימיך אמלא**" דו וועסט אויסלעבן דיינע יארן בשלימות, און וועסט נישט דארפן נאכאמאל אראפקומען אויף די וועלט עפעס מתקן זיין.

## ביי מתן תורה האט כלל ישראל מגלה דעת געווען אז די אמת'ע ערך פון א מצוה איז ווי נאכן טון די מצוה

**ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע.**

(כד, ז)

די גמרא זאגט (שבת פח.) אז ווען די אידן האבן געזאגט "**נעשה ונשמע**" איז ארויס א בת קול: "ווער האט דערציילט פאר מיינע קינדער דעם סוד, די לשון וואס מלאכי השרת נוצן זיך מיט דעם".

וואס איז די גרויסע חשיבות פון דעם לשון "נעשה ונשמע"? און פארוואס נוצן זיך די מלאכים מיט דעם לשון?

קען מען זאגן, לויטן משל פונעם דובנער מגיד אויפן פסוק (תהלים סב, יג) "ולך ה' חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו", וואס די קשיא איז באוואוסט, אויב דער אויבערשטער צאלט פאר א מענטש "כמעשהו" איז עס דאך נישט קיין "חסד", עס קומט זיך אים דאך?!

איז דער דובנער מגיד מסביר מיט א משל, אז א איד איז איין צופרי ארויס פון הויז מיט'ן טלית און תפילין צו גיין דאווענען שחרית. אויפן וועג צום ביהמ"ד האט ער באגעגנט א פויער וואס טראגט האלץ צום פארקויפן, האט ער זיך אפגעשטעלט און געפרעגט וויפיל קאסט א פעקל האלץ, האט דער פויער געזאגט אז עס קאסט 4 גילדן. האט דער איד זיך גענומען האנדלען אויפן פרייז, ביז ער האט ענדליך אראפגעהאנדלט אויף 3 און א האלב גילדן. דער מקח האט זיך פארצויגן, ביז ווען דער איד איז ענדליך אנגעקומען אין שול האט מען שוין געהאלטן נאך ברכו, און ער האט פארפאסט "תפילה בציבור".

צומארגנס איז דער איד געקומען אין שול און געדאווענט געהעריג פון אנפאנג ביז'ן סוף. נאכ'ן דאווענען איז צוגעקומען צו אים א חבר און געזאגט: איך וויל אפקויפן דיין שחרית פאר איין גילדן... האט דער איד זיך צושריגן אויף אים: ביזט נארמאל?! אפילו דו וועסט מיר געבן טויזנט גילדן וועל איך נישט פארקויפן מיין עולם הבא!

האט דער חבר געפרעגט: איך פארשטיי נישט, נעכטן האסטו אזוי רואיג פארקויפט דיין תפילה בציבור פאר בלויז א האלבע גילדן, און יעצט טראג איך דיר דאך אן דאפלט, פארוואס זאלסטו נישט מסכים זיין? האט דער איד געענטפערט: דער חילוק איז, נעכטן האב איך געהאלטן נאך פאר'ן טון די מצוה, אבער היינט נאך וואס איך האב שוין געטון די מצוה וועל איך עס נישט פארקויפן פאר כל הון דעלמא!

זעט מען, אז איידער א איד טוט א מצוה שעצט ער עס נישט אזוי, און ער קען דאס פארקויפן פאר אפאר גראשן... אבער נאכן טון די מצוה וועט ער עס נישט פארקויפן פאר קיין שום פרייז.

טייטשט מיט דעם דער דובנער מגיד דעם פסוק: "**ולך ה' חסד**" דער אויבערשטער טוט א גרויסע חסד, "**כי אתה תשלם לאיש**" אז ער צאלט דעם שכר פאר א מצוה "**כמעשהו**" לויט ווי דער מענטש שעצט די מצוה **נאכן טון די מצוה** - וואס דעמאלטס איז דאס ווערד ביי אים מער ווי כל הון דעלמא, און נישט לויט ווי די מצוה איז ווערד ביי אים איידער ער האט דאס געטון. ודברי פי חכם חן.

פארוואס טאקע קודם שעצט נישט דער מענטש אזוי די מצוה? ווייל קודם האט ער א יצר הרע וואס וויל אים אפרעדן פון טון די מצוה, ממילא מאכט דער יצר הרע אז עס זאל אויסקוקן ווערדלאז אין זיינע אויגן, אבער נאך ער האט שוין געטון די מצוה ווערט דער יצר הרע בטל, ממילא זעט ער איין די אמת'ע ווערד פון א מצוה.

מיט דעם קען מען פארשטיין די געוואלדיגע חשיבות פון כלל ישראל ביי מתן תורה אז זיי האבן געזאגט "**נעשה ונשמע**" און ווי דער תרגום זאגט "**נעביד ונקבל**" - מיר וועלן **טון** און נאכדעם וועלן מיר דאס **מקבל זיין**. דא האבן די אידן אויסגעדרוקט זייער געוואלדיגע השתוקקות צו די מצוות, זאגנדיג, אמת מיר האבן א יצר הרע און אין אנפאנג שעצן מיר נישט ריכטיג די מצוות, פונדעסטוועגן דאך "**נעשה**" וועלן מיר כופה זיין דעם יצר הרע און טון די מצוות סייווי סיי אפילו אן צו שפירן די אמת'ע ווערד. אבער נאכן טון די מצוה: "**ונשמע" - וועלן מיר מקבל זיין די מצוות** לויט זייער אמת'ן ווערד, און מיר וועלן דאס נישט פארקויפן פאר כל הון דעלמא.

און דאס איז טאקע **לשון שמלאכי השרת משתמשין בהם**, ווייל מלאכים האבן דאך נישט קיין יצר הרע, ממילא איז ביי זיי יעדע מצוה לכתחילה ווערד **ווי נאכ'ן טון**, און צו דעם האבן די אידן אויך געגלוסט, צו שעצן א מצוה לויט איר **אמת'ן ערך** - ווי **נאכן טון** די מצוה.

**שיורי קומץ המנחה - דרוש לשבת קודם שבועות**


**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**

gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868


# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב לע"נ

האשה החשובה

מרת **מינדל** בת **ר' מאיר מנחם** ע"ה

יארצייט י"ט שבט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יהא זכר ועילוי לנשמתה